STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 04708

BAYM IST RIVER

Rafal Federman

•

THE MAX PALEVSKY
YIDDISH LITERATURE COLLECTION

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

בײם איסט ריווער

(פֿאַרוואַנדלונג)

פֿון

רפֿאל פֿעדערמאַן

אַרויסגעגעבן פֿון רפֿאל פֿעדערמאַן
175 איסט בראָדוויי, ניו־יאָרק, נ. י. 10002

תשכ״ה — ניו־יאָרק, נ. י. — 1964

BEIM EAST RIVER

(FARWANDLUNG)

BY

RAFAL FEDERMAN

Published by
RAFAL FEDERMAN
175 East Broadway
New York, N. Y. 10002

1964

Printed in the U.S.A.
by Knight Printing Corp., New York, N. Y.
96


פארווערטס
נאטע קאזלאווסקי

באַזונדערער אָפּדרוק

פון זשורנאַל, „זיין“

אָקטאָבער 1964

פון דער רעדאַקציע „זיין"

אין יאָר 55—1953 האָט רפאל פעדערמאַן אָנגעשריבן אַ בוך וואָס איז דערשינען אין יאָר 1957 א. נ. : „ביי די טייכן פון וואַרטע און איסט ריווער". אין דער פאָררעדע פון דעם בוך זאָגט דער מחבר, צווישן אַנדערע, אַז ער האָט בלויז געוואָלט פאַרצייכענען אַ כראָניק פון דער צייט און פון דער סביבה, אין וועלכער ער האָט געלעבט איבער זעכציק יאָר. דער מוראדיקער חורבן פוילן, דער חורבן פון זיין היים און די פאַר־טיליקונג פון זיינע נאָענטסטע און טייערסטע האָט געזוכט אין אים אַן אויסדרוק. ער האָט געטראַכט : זאָל כאָטש אַ טייל פון זיינע איבערלעבונגען און די איבערלע־בונגען פון זיינע חברים, ערגעץ וואו פאַרצייכנט ווערן. עס איז געווען אַ לעבן פון פרייד,ליידנשאַפטן און אויך שטרויכלונגען. ער האָט מיט דעם בוך נישט געהאַט בדעה אָנצושרייבן וועלכן עס איז קינסטלערישן ראָמאַן. דאָס לאָזט ער איבער פאַר דעם אמתן קינסטלער, וואָס וועט האָפנטלעך אַמאָל זיך דערמיט באַנוצן.

רפאל פעדערמאַן האָט אויך אויף זיין בוך אַוועקגעשטעלט אַ מאָטאָ פון ה. ד. נאָמבערגן, וועלכער לייענט זיך :

> אַ שאָטן איז דעם מענטשנס לעבן,
> אוי יאָ, עס איז אַזוי.
> ער יאָגט דאָס גליק און טרעפט דערנעבן,
> און יאָגט און פאַלט אוי ! אוי !

מיר ברענגען אויך אייניקע שטעלן פון אַ גרעסערער אָפּהאַנדלונג וועגן דעם אויבן דערמאָנטן בוך פון דעם באַרימטן שרייבער יצחק וואַרשאַווסקי. דערמיט וועט דער לייענער, וואָס האָט דאָס בוך נישט געלייענט, באַקומען אַ באַגריף וועגן אינהאַלט פון בוך.

„רפאל פעדערמאַן איז לויט זיין גאַנצן באַנעם אַ פאָלקס־מענטש, און ער שרייבט ווי אַ פאָלקס־מענטש, מיט אַ זעלטענער אויפריכטיקייט און ערלעכקייט. די געשיכטע פון זיין לעבן איז אַ היפּש טרויעריקע. דער פאָטער האָט זיך אַלע יאָרן געמאַטערט מיט דער פרנסה. ער איז יונג געשטאָרבן. פעדערמאַנס העלד, יוסף, איז אַ שטיקל צייט געגאַנגען אין גימנאַזיע. ער האָט פרי אָנגעהויבן לייענען ביכלעך, זיין אַ טוער און אַרומגיין מיט מיידלעך. אין די מעמואַרן פון די מערסטע סאָציאַליסטן מיידט מען אויס צו דערציילן פערזענלעכע ענינים. דער שרייבער פון די שורות האָט ייִנגל־וויז געלייענט גאָר אַ סך פון דעם סאָרט ביכער. עס האָט אַלץ זיך געהאַנדלט וועגן קאָנספּיראַטיווע טעטיקייטן, אַרעסטן, טורמע־איבערלעבונגען, קאַמפן מיט דער פּאָליציי, פּראָוואָקאַטאָרן א. אַז. וו. זעלטן אַז די שרייבער האָבן דערמאָנט אַ ליבע, אָדער אַפילו דעם פאַקט וואָס ער האָט געהאַט אַ ווייב. ס׳האָט געהייסן, אַז אָט די ענינים זענען נישט וויכטיק. אָבער פאַר פעדערמאַנען זענען זיי שוין שטאַרק וויכטיק און דאָס גיט צו זיין בוך מער היימישקייט. פעדערמאַן פּרוּווט נישט מאַכן דעם איינדרוק, אַז זיין געזעלשאַפטלעכע אַרבעט איז געווען פאַר אים וויכטיקער ווי זיין פערזענלעך לעבן. ער זאָגט אויך אויס דעם אמת : אַז זיינע ליבעס, זיינע באַציאונגען מיט פרויען, האָבן געשפּילט פאַר אים גאָר אַ וויכטיקע, אויב נישט די וויכטיקסטע ראָל.

ער האָט חתונה געהאַט, אָבער צווישן אים און זיין פרוי זענען די באַציאונגען געווען קאַלטע, כאָטש ביידע זענען געווען חברים פון דער זעלבער פּאַרטיי. נאָכדעם ווי עס איז ביי זיי געשטאָרבן דאָס קינד, איז געוואָרן די שטימונג נאָך אַן ערגערע. בעת די פרוי האָט געלעבט אין פּאַריז, האָט אונדזער העלד פּאַרפירט אַ הייסע ליבע מיט אַ מיידל, און ווען ער, יוסף, איז שוין געווען אין ניו־יאָרק, אַ געראַטעוועטער פון די נאַציס, האָט די פרוי פּאַרפירט אַ ליבע מיט אַ פראַנצויזישן באַן־אַרבעטער.

דער סוף איז געווען, אַז נאָך אַ צייט זיין צוזאַמען מיט יוסףן אין ניו־יאָרק, האָט די פרוי זיך אומגעקערט קיין פראַנקרייך און זי איז דאָרט געשטאָרבן. יוסף איז דאָ געווען אַזוי עלנד, אַז ער האָט געפּרוּווט געפינען אַ שידוך פון אַנאָנסן אין צייטונגען. אָבער עס האָט זיך אונטערגערוקט אַ יונגע פרוי, אַ טאָכטער פון זיינעם אַ געוועזענעם פריינד, גאָלדע. אָט די גאָלדע און איר ברודער מרדכי זענען געבליבן לעבן נאָך די היטלער־שחיטות, און גאָלדע איז איצט יוספס פרוי.

דאָס זענען בלויז עטלעכע פאַקטן. דאָס בוך איז פול מיט פאַקטן, וואָס קאָנען זיין וויכטיק סיי פאַר אַ היסטאָריקער און סיי פאַר אַ בעלעטריסט. יוסף קומט אַרויס אין דעם בוך אַ גאַנצער מענטש, און אַ מענטש איז דאָס אַן ערלעכער, אַ גוט־האַרציקער, אַ ראָמאַנטישער, מיט אַ שטאַרקן גלויבן אין גוטסקייט, אָן שום האַס און ביטערקייט קעגן אַנדערע, שטענדיק גרייט צו העלפן מענטשן און צו נעמען אָנטייל אין זייערע ליידן און פריידן. ער שרייבט אין דעם בוך, אַז איסט בראָדוויי איז זיין צווייטע היים.

זיין געטריישאַפט צו יידן און יידישקייט איז ביי פעדערמאַנען אַ זעלבסטפאַר־שטענדלעכע זאַך, ווי ס'איז געווען ביי אַ סך פאָלקס־מענטשן אין דער אַלטער היים. האָט ער דען נישט פון קינדווייז אָן געליטן אַלס ייד? אַלץ וואָס ער האָט געטאָן און טוט, איז פאַרבונדן מיט יידן, יידיש. נאָר אָפּט פרעגט דער העלד די אַלטע קשיא: „פון וואַנען נעמט זיך דאָס שלעכטסביים מענטשן? פאַרוואָס? פאַרוואָס קאָן דער מענטש, דער בחיר היצירה נישט זיין גוט, טאַקע אויף אַן אמת גוט?"...

פעדערמאַן פאַרענדיקט דאָס בוך מיט דעם כלומרשטן טויט פון זיין העלד, יוסף, און ער גיט איבער דאָרט די צוואה, וואָס אָט דער יוסף זאָל האָבן געשריבן. ער שרייבט דאָרט:

„יאָ, מיינע טייערע, איך גיי פון דער וועלט מיט גרויסע טענות צום האַר פון די וועלטן און מער טענות נאָך צו דער מענטשהייט! מיין טענה איז נישט מיינע אַליין. איך פיל, אַז איך קאָן רעדן אין נאָמען פון טויזנטער אַנדערע, ענלעכע צו מיר, וואָס ווילן זען די וועלט אַן אַנדערע, מיט מער יושר און גערעכטיקייט, און מיט ווייניקער קנאה־שנאה איינער צום אַנדערן, ווי ער, דער רבונו של עולם, האָט דאָס וועלטל זיינס באַשאַפן, אַז איינס דאָס אַנדערע זאָל אויסקוילן און מער נאָך פון אַלע פעלקער זאָלן מיר יידן ליידן, ליידן אָן אַ סוף!..."

צווישן אַנדערן זאָגט דער העלד אין זיין צוואה:

„היט אָפּ מיינע ביכער, מיין גייסטיק פאַרמעגן. קוקט אַריין אין זיי, לערנט און געפינט אַ טרייסט אין די וואונדערלעכע רייד פון אונדזערע שרייבער און דענקער".

פעדערמאַן איז נישט רעליגיעז, אָבער עס איז פאַראַן אַ רעליגיעזע שטימונג אין זיינע זכרונות".

דער העלד יוסף איז אָבער נישט געשטאָרבן. ער לעבט און איז ווייטער טעטיק אין געזעלשאַפטלעכן לעבן און ער שרייבט ווייטער זיינע איבערלעבונגען און ראַנגלענישן אין דעם זעלבן גייסט און פאַרנעם. מיר ברענגען דאָ אַ המשכדיק קאַפּיטל צו זיין בוך, ווי אַ פאַרזעצונג, וואָס איז ביז איצט נאָך נישט געווען געדרוקט.

פאַרוואַנדלונג

יענעם פרימאָרגן, ווען דאָס האַרץ ביי יוספן האָט אין יסורים אָנגעזאָגט נישט קיין גוטס, האָט ער געמיינט אַז שוין, ס'איז אַ סוף צו זיין לעבן. ערשט ווען די ווייטאָקן אַרום האַרץ האָבן אויפגעהערט, האָט ער זיך ווי עס איז באַרואיקט, איז ווי משוגה געוואָרן מיטן טויט און געטראַכט, אַז דאָס איז דער „סוף כל אדם", קיינער לעבט נישט אייביק, און ער, יוסף, איז נישט קיין אויסנאַם פונעם כלל.

יאָ, קיינער קען נישט אויסמיידן דעם מלאך־המוות אויף דער זינדיקער ערד, פריער אָדער שפּעטער. דער אַלטער „הד נתן והד' לקח" וועט אויך נאָך אים ביי די אבלים אויסהיילן די וואונדן. גאָלדע און מרדכי, זיינע נאָענטסטע, וועלן אים פאַרגעסן, ווי עס ווערן פאַרגעסן אַלע נאָענטסטע, אַוועקגעריסענע פונעם לעבן מיטן מלאך־המוות הענט; „וואָס די ערד דעקט צו — פאַרגעסן די אויגן". דאָס דאָזיקע קלוגע שפּריכוואָרט איז אים איצט געקומען אויפן זינען.

דער גורל האָט געהאַט זיך אַ שפּיל געטאָן מיט אים, און אומגעריכט איז דאָך פאָרגעקומען אין זיין שטורמיש לעבן איין געשעעניש נאָך דער אַנדערער; אומרוען, אָנהייב צוואַנציקסטן יאָרהונדערט אין פּוילן, ליטע און רוסלאַנד; יאָרן נאָך דער ערשטער דורכגעפאַלענער רעוואָלוציע קעגן דער רוסיש־צאַרישער מאַכט, וואָס האָט אַרומגעכאַפּט אויך די שטעט וואַרשע, לאָדזש, טשענסטאָכאָוו און אַנדערע שטעט אין אַמאָליקן פּוילן; רדיפות און פּאָגראָמען, וואָס די צאַרישע און פּוילישע רעגירונגען האָבן אַרויסגערופן פון צייט צו צייט, דריי פּאָגראָמען אין דער אייגענער געבורט־שטאָט; אַרעסטן בעת פּאָליציייִשע אונטערזוכונגען; קאַמפן מיט די פּוילישע אַנטיסעמיטישע שטאָט־טאַטעס אין שטאָט־ראַט פאַר די רעכט פון יידישן אַרבעטער און זיין שפּראַך — יידיש, און פאַר די רעכט פון דער יידישער קולטור; די גרויזאַמע צוויי וועלט־מלחמות מיט אַלע זייערע טראַגישע פאָלגן; דאָס פאַרלאָזן פּוילן, ווען די נאַצישע עראָפּלאַנען האָבן געהאָגלט מיט טויט אויף אַלט און יונג; דער פּליטים־וועג דורך ליטע, רוסלאַנד, יאַפּאַן קיין — אַמעריקע.

אין פּריוואַטן לעבן: דער פריצייטיקער טויט פון אַ 40־יאָריקן טאַטן און 14־יאָריקער איינציקער טאָכטער, דער מאָרד דורך די נאַציס פון דער אַלטער 70־יאָריקער מאַמע, צוויי ברידער און דריי שוועסטער מיט דער

גרעסטער טייל פון זייערע משפחות; דער פאַרלוסט פון דער ערשטער פרוי אין פאַריז שוין נאָך דער באַפרייאונג.

די בייעסן פון פוילן, די מעשים־תעתועים פון די נאַציס, די צוגערויבטע רו; דאָס רעדאַגירן די יזכור־ביכער פון חורבן און פאַרוויסטונג; די מורא פאַר דער איינזאַמקייט; די ראָמאַנטישע קאָנפליקטן — דאָס האָט ווי געשטאַרקט אין אים דאָס געפיל אויסצוהאַלטן און איבערטראָגן דאָס ערגסטע.

יוסף האָט געמוזט זיך אָפּזאָגן פון זיין אַרבעט פאַרן כלל, פאַר זיינע לאַנדסלייט, די לעבן־געבליבענע אויף יענער זייט ים. ער האָט אָבער ווייטער פאַרגעזעצט זיין אַרבעט אין אָפּיס. ווייל מען מוז דאָך „מאַכן אַ לעבן" — ווי דאָס ווערטל זאָגט זיך דאָ אין אַמעריקע. אָבער דער חלום פון אַ בעסערער וועלט, דעם אידעאַל פון זיין יוגנט — צו זען די מענטשהייט פריי פון אַלעליידן; יאָ, אַ וועלט פון יושר און גערעכטיקייט — דער דאָזיקער הייליקער וואונטש איז אין אים ווידער אויפגעגאַנגען נאָך מיט מער שטאַרקייט. אַ תפילה אין זיין שוואַך האַרץ האָט זיך געריסן צו די הימלען: צו דערלעבן און צו זען מיט זיינע אייגענע אויגן די וועלט נאָכן גרויסן חורבן פון מלחמה און בלוט־פאַרגיסונג, — אַ פרייע וועלט! אָן אויסגעלייזטע פון אַלדאָס בייז און שלעכטס. יאָ, מען דאַרף האָפן און ווידער גלויבן, גלויבן פון גאַנצן האַרץ נאָר אויף גוטס. דאָס גוטע מוז קומען נאָכן שלעכטס. יאָ, מען דאַרף האָפן, פאַרטרייבן פון זיך אַלע פעסימיסטישע געדאַנקען, סוף כל סוף האַלט זיך דאָך די וועלט אויף דעם ביסל גוטס, וואָס לאָזט דעם מענטשן נישט פאַרזונקען ווערן אין שטויב, אין דעם ערדישן חומר, פון וועלכן דער מענטש איז באַשאַפן געוואָרן.

אַזוי האָט יוסף געטראַכט און געחלומט אויפן וואַר, זיצנדיק אין זיין אָפּיס, ביים שרייב־טיש.

עס זיינען געלאָפן טעג, וואָכן און חדשים. יוסף האָט זיך באַרואיקט, ווי וויית מעגלעך אָפּגעהיט זיין שוואַכן געזונט און געקוקט אויף דער וועלט אַרום זיך מיט אָפענע אויגן, מיט אַ בליק אין דער צוקונפט פול מיט האָפענונגען און גלויבן.

***

אין איינעם אַ פרימאָרגן, ווען יוסף איז געווען ביי זיין אַרבעט אין אָפּיס, האָט גאָלדע ביים ראַמען דאָס הויז געפונען אַ קאָנווערט מיט פאַפּירן אין זיין שרייב־טיש, הונדערטער פאַרשריבענע פאַרשידענע זייט־לעך. זי האָט דערקענט, אַז דאָס איז יוסס האַנטשריפט. זי האָט אָפּגערופן איר ברודער מרדכי ער זאָל אַהיימקומען מיט אַ שעה פריער, איידער יוסף קומט אַהיים פון אָפּיס. שפּעטער זיינען זיי ביידע געזעסן און

געלייענט קאַפּיטל נאָך קאַפּיטל פֿון דעם געפֿונענעם מאַנוסקריפּט. דאָס איז געווען אַ געשיכטע, אַ גאַנץ בוך ממש, וואָס האָט איבערגעגעבן אויף אַ געלונגענעם אופֿן יוספֿס שטורמיש לעבן, אַ שילדערונג פֿון אַן אינטע־רעסאַנט־רייך לעבן, פֿון זיין קינדהייט אָן, ביז ער, יוסף, איז געקומען אין די פֿאַראייניקטע שטאַטן. די דאָזיקע געשילדערטע ביאָגראַפֿיע האָט אויף מרדכין און גאָלדען געמאַכט אַ שטאַרקן איינדרוק. זיי האָבן זיך גופא דערקענט אויף די בלעטלעך פֿון דעם דאָזיקן געפֿונענעם מאַנוסקריפּט, און טיף באַווירקט געוואָרן פֿון דעם פּשוטן און ערלעכן אופֿן ווי יוסף האָט זיי געשילדערט אין זיין לעבנס־ווערק.

ווען יוסף איז אַ ביסל אַ מידער אַהיימגעקומען פֿון אָפֿיס, האָבן גאָלדע און מרדכי געשוויגן דעם גאַנצן אָוונט. זיי האָבן געקוקט אויף אים מיט פֿריינדלעכע אויגן. יוסף האָט עפּעס פֿאַרגעפֿילט און ער האָט אַ פֿרעג געטאָן:

— וואָס שוויגט איר עפּעס היינט מער ווי אַלע מאָל?

נאָך אַ ווײַלע טראַכטן האָט גאָלדע געזאָגט:

— יוסף, איך האָב געפֿונען אין דיין שרייב־טיש אַ מאַנוסקריפּט און איך מיט מרדכין האָבן שוין באַוויזן אים דורכצולייענען. דיין סוד — איז שוין אויס סוד! דו האָסט נישט מיר און נישט מרדכין דערציילט, אַז דו שרייבסט אַ בוך. נו! און איצט, אַז מיר ווייסן שוין יאָ, וועט דיר מרדכי איבערגעבן וואָס מיר האָבן באַשלאָסן.

מרדכי האָט זיך אָפּגערופֿן:

— יאָ, יוסף, מיר האָבן דיין מאַנוסקריפּט געלייענט מיט אַ פּאָר־קאַפּטן אָטעם. אויב דער מאַנוסקריפּט דיינער וועט דערשיינען אין אַ בוך־פֿאָרם וועט עס מאַכן אַ רושם. נו, געוויס, מיר האָבן אַ באַזונדערן אינטערעס, אַז דאָס בוך זאָל אַרויסגעגעבן ווערן. איך בין זיכער, אַז אויך פֿרעמדע, סתם לייענער, וועלן דאָס בוך לייענען מיט נישט ווייניקער חשק ווי מיר. עס איז אַ בוך, וואָס דערציילט דאָס לעבן פֿון אַ גאַנצן דור יידן אין אַמאָליקן פּוילן און אויך פֿון דעם לעבן פֿון די ביי־געקומענע, די יידן־פּליטים, וואָס האָבן זיך געראַטעוועט דאָ אַהער, אין אַמעריקע, נאָכן גרעסטן חורבן אין דער יידישער געשיכטע.

יוסף האָט מיט גרויס צופֿרידנקייט אויסגעהערט מרדכיס רייד, און ער איז מסכים געווען, אַז דער מאַנוסקריפּט זאָל געדרוקט ווערן. אָבער ווען? ווי אַזוי?

עס האָט אָבער לאַנג נישט געדויערט און צו יוספֿס 65טן געבורטסטאָג האָט גאָלדע אים צוגעטראָגן זיין לעבנס־ווערק ווי אַ מתנה אין אַ בוך־פֿאָרם, פּרעכטיק אַרויסגעגעבן, א. נ. „ביי די טייכן וואַרטע און איסט ריווער".

***

דאָס דערשיינען פון זיין בוך האָט אין יוסףן אַריינגעאָטעמט אַ נייעם גלויבן. זיין געמיט איז איצט געווען פול מיט יום־טוב, די שטימונג אַ געהויבענע. ער איז געווען שטאַרק צופרידן וואָס זיין בוך ווערט אויפ־גענומען אַזוי פריינדלעך און אַפילו מיט באַגייסטערונג, — סיי פון די נאָענטע פריינד, סיי פון זיינע לאַנדסלייט, און בכלל אין דער סביבה פון די ניי־געקומענע יידישע פליטים. דער אָפּרוף אויף דעם בוך איז געווען אַ פאַרשידנאַרטיקער. אַ קליינע צאָל לייענער האָבן צוגעגעבן, אַז אמת, יוסף האָט ערלעך און געטריי איבערגעגעבן די געשיכטע פון זיין קינד־הייט, יוגנט, און זיין לעבן שפּעטער אַלס געזעלשאַפטלעכער טוער אין די יידישע אַרבעטער־רייען אין אַמאָליקן פוילן, אָבער ער האָט נישט געדאַרפט ברענגען צו דער עפנטלעכקייט זיינע פּריוואַטע ראָמאַנטישע ראַנגלענישן אין זיין לעבן. דער גרעסטער טייל לייענער אָבער האָבן באַוואונדערט דעם מוט זיינעם, וואָס ער האָט געוואָגט דווקא צו דערציילן פון זיינע אינטימע איבערלעבענישן. דערמיט האָט ער באַוויזן, אַז אָפט איז דאָס פּערזענלעכע לעבן געפּאָרט מיטן כלל, און איז אַן אויסדרוק פונעם כלל. יוסף האָט באַוויזן, אַז אויף יעדן יחיד ווירקן די זעלבע נאַטור־כוחות, און יעדער איינציקער איז אונטערגעוואָרפן די וואונטשן און חלומות, וואָס די נאַטור גיט דעם מענטשן.

יוסף איז געווען צופרידן פון די דאָזיקע מיינונגען, וואָס פריינד און לייענער האָבן אויסגעדריקט וועגן זיין בוך. ער האָט געפילט, אַז מיטן דערשיינען פון זיין בוך, האָט זיין לעבן באַקומען מער זינען; ביין, די יאָרן זיינע, זיינע דערפאַרונגען און איבערלעבענישן, וואָס ער האָט גע־שילדערט אין זיין בוך, זיינען נישט געווען אומזיסט; זיין לעבנס־געשיכטע האָט געגעבן אַ תיקון אי זיך אַליין, אי זיינע נאָענטסטע און וויטע פריינד.

***

אין די פרייע שעהן פלעגט יוסף אָפט אַריינקומען אין דער קאַפע־טעריע אויף איסט בראָדוויי, וואָס געפינט זיך לעבן דער „פאָרווערטס״־געביידע, דאָרט, וואו די יידישע שרייבער, קולטור־טוער און לערער טרעפן זיך ביים עסן, און זיצן אָפּ שעהן אין געשפּרעכן וועגן ליטעראַרישע און קולטור־ענינים. אָפטמאָל קומען זיי דאָ אַהער סתם זיך זען איינער מיטן אַנדערן אין דעם גרויסן ניו־יאָרק, וואָס צעטיילט זיי אין די פאַרשידענע ווייטע געגנטן פון דעם וועלט־כרך; די קאַפעטעריע איז געווען דאָס זאַמל־פּלאַץ, וואָס פאַרנעמט דאָס אָרט פון דער אַמאָליקער קאַפע „ראָיאַל״ אויף סעקאָנד עוועניו, נאָך וועלכער נישט איין יידישער שרייבער בענקט שטאַרק אין זיינע איינזאַמע שעהן.

יוסף האָט ליב צו קוקן אויף דער וואַנט פון דער קאַפעטעריע. זי איז באַצירט מיט די מאַלערייען פון דעם פאַרשטאָרבענעם יידישן מאָלער לאָלאַ, דער וואָס האָט אויף דער דאָזיקער וואַנט, מיט זיין טאַלאַנט, פאַר־אייביקט די אַמאָליקע יידישע איסט־סייד. קוקט מען אויף דער וואַנט — דערמאָנט מען זיך אין דעם אַמאָליקן שטייגער־לעבן פון דעם ניו־יאָרקער יידישן אַמאָל. די דאָזיקע וואַנט איז ווי אַ דערמאָנונגס־סימבאָל פאַר נישט איינעם פון די היגע יידישע שרייבער, וואָס דערמאָנט יעדן פון זיי די שעפערישע יאָרן זיינע פון גלויבן אין דער צוקונפט פון יידיש און יידישער ליטעראַטור.

ביי די טישלעך אין דער קאַפעטעריע ווערן לעבהאַפט דיסקוטירט פאַרשידענע פּראָבלעמען פון טאָג; קאָכט מען זיך נאָך וועגן ליטעראַטור און קריטיק, און וועגן דעם צושטאַנד פון דער יידישער ליטעראַטור היינט צו טאָג, וועגן אירע ביכער און אירע שרייבער. די טבע פון דער יידישער באַהעמיע מיט איר סענסיוויטעט און קנאה פון איינעם צום צווייטן — דערגייט אָפט אַפילו ביז ציניזם. מען זאָגט זיך אַריין איינער דעם אַנדערן און מען באַרעדט די וואָס זיינען צופעליק נישטאָ אין דער קאַפעטעריע; מען לויבט איינער דעם אַנדערן, און אונטער די אויגן האָט מען גאָר אַנדערע מיינונגען וועגן די וואָס מען האָט פריער פערזענלעך קאָמפּלימענ־טירט... יוסף זיצט אָפט אַ שווייגנדיקער און הערט זיך צו צו די אַלע רייד, ערלעכע און פאַרקערט — די נישט־אויפריכטיקע רייד; און פונקט ווי יעדער פון די קולטור־טוער, וואָס באַווייזן זיך דאָ נאָך די פאַרשיידענע זיצונגען אין דער „פאָרווערטס״־געביידע, טראַכט יוסף: וואָס וועט זיין אין יאָרן אַרום, שפּעטער מיט צען־צוואַנציק יאָר, ווען אַ סך פון זיי וועלן שוין דאָ נישט זיין? ווער וועט פאַרנעמען דאָס אָרט פון די אַלע דיכטער, פּראָזע־שרייבער, קריטיקער, זשורנאַליסטן און קולטור־פאַרזאָרגער?

מיט גרויס רעספּעקט, — טראָץ די אָפטע האַלב־ציניש רייד, וואָס ער הערט פון די דיכטער, טראָגט יוסף אין האַרצן אַ סך ליבשאַפט צו ס׳רוב יידישע שרייבער און צו דער דאָזיקער אייגנאַרטיקער און אינטע־רעסאַנטער קאַפעטעריע־סביבה בכלל. אָפט פלעגט יוסף זיצן אין אַ זייט, און בלויז קוקן אויף די דאָזיקע באַהעמע־מענטשן, כדי נישט צו פאַרלירן די ליבשאַפט און רעספּעקט צו זיינע באַליבטע וואָרט־קינסטלער. יוסף האָט ליבערשט געוואָלט זיי זען אין דמיון, אין דעם יראת־הכבוד וואָס ער האָט שטענדיק געפילט צום יידישן שרייבער, — אַזוי פון וואַרשע ביז ניו־יאָרק, דורך די ווערק זייערע, אַזוי ווי זיי האָבן זיך אַנטפּלעקט צו אים בשעת ער האָט זיי געלייענט. ער האָט מיט אַלע כוחות געוואָלט אויסמיידן צו זען זיינע באַליבטע שרייבער אין די וואָכעדיקע טאָג־טעגלעכע קליינ־לעכע שמועסן פון קנאה און שנאה איינער צום אַנדערן. אויך דאָס האָט

ער געטראַכט — איז אַן אויסדרוק פון דער צייט, פון דעם באַרג־אַראָפּ, דער שלעכטער מערכה פון יידיש, און די נישט גענוגנדע חשיבות פון יידיש אין די איצטיקע טעג, די שרעק פאַרן מאָרגן נעמט אַלעמען אַרום, און דערפאַר דער ציניזם, דערפאַר דאָס ביטערע אַריינזאָגן איינער דעם אַנדערן.

⁂

ווען דאָס בוך איז דערשינען, האָט יוסף די ערשטע קאָפּיעס געשיקט צו זיינע נאָענטסטע פריינד מיט אַ געהעריקער דעדיקאַציע. ער האָט געגאַרט צו הערן זייער מיינונג וועגן בוך.

די נאָענטסטע וואָכן איז טאַקע צווישן באַקאַנטע און פריינד, מיט וועלכע יוסף איז אויסגעקומען צו זיצן ביי די טישלעך אין דער קאַפעטעריע, געווען די טעמע פון טאָג, דאָס בוך זיינס.

איינער פון זיי, אַ רעספּעקטירטער פריינד יוספס, איז דער אָנערקענטער טאַלאַנטפולער יידישער שרייבער, יצחק. יוסף האָט זייער שטאַרק געהאַלטן פון יצחקס טאַלאַנט אַלס בעלעטריסט. ס'איז געווען זיין מיינונג, אַז ווען די יידישע ליטעראַטור וואָלט פאַרמאָגט נאָר זיין פריינט, יצחקן אַליין, וואָלט זי שוין אויך פאַרדינט דעם טיטל ליטעראַטור.

מיט דעם דאָזיקן יידישן שרייבער האָט יוסף לעצטנס ליב געהאַט פון צייט צו צייט צו פירן לענגערע געשפּרעכן וועגן ליטעראַטור, קונסט און אויך וועגן געזעלשאַפטלעכע ענינים.

נישט איין מאָל האָט יוסף זיך אויך אָנפאַרטרויט פאַר יצחקן וועגן זיינע פּערזענלעכע איבערלעבענישן, וויסנדיק טאַקע, אַז דאָס קען אַמאָל אים דינען ווי פּסיכאָלאָגישער שטאָף פאַר די העלדן פון זיינע שאַפונגען.

ביי איינער פון זיינע לעצטע באַגעגענישן אין דער קאַפעטעריע האָט זיך צווישן יוספן און דעם שרייבער יצחק אַנטוויקלט פאָלגנדער געשפּרעך וועגן יוספס בוך:

— יוסף, דו האָסט געשריבן דאָס בוך אין אַ צייט ווען עס איז אַנטשטאַנען די יידישע מלוכה. פאַרוואָס האָסטו פאַרפעלט איבערצוגעבן דיינע געפילן פון אַזאַ וויכטיקער געשעעניש אין דער צוויי טויזנט יאָריקער געשיכטע פון יידישן פאָלק?

— ביסט גערעכט — האָט יוסף געענטפערט — אָבער איך האָב עס געטאָן מיט אַ כוונה. איך אַליין בין אַ פאָלקס־מענטש, איינער פון מיליאָנען יידן, וואָס האָבן זיך צופיל נישט פאַרטיפט אין דעם וויטן אַמאָל... איך האָב תמיד געלעבט מיט דער קעגנוואַרט, איך האָב תמיד געגלויבט, אַז מיט דער פאַרווירקלעכונג פון סאָציאַליזם, וואָס דאָס איז געווען מיין טיפער גלויבן, וועלן אויך די יידן — צעזייטע און צעשפּרייטע איבער דער גאַרער וועלט — אויפגעריכט ווערן. דאָס אויפקומען פון דער יידישער

מדינה האָט מיך, ווי אַ ייד, אויך געפרייט, אָבער צוזאַמען מיט דער פרייד האָב איך אויך געפילט אַ געוויסע מורא; די שרעק, אַז די דאָזיקע מדינה זאָל נישט ברענגען קיין נייע קאָמפּליקאַציעס, קיין נייע צרות די יידן אומעטום, אין דער צעשפּרייטקייט.

דער דאָזיקער דיאַלאָג צווישן יוספן און יצחקן האָט אָנגעהאַלטן טעג, וואָכן און חדשים. און אַלץ אַרום דער פראַגע „מדינת ישראל און די תפוצות". יוסף האָט יצחקן געהאַלטן אין איין דערקלערן און פאַרענטפערן פאַרוואָס מדינת ישראל ווערט נישט דערמאָנט אין זיין בוך. און וואָס מער יוסף האָט זיך פאַרענטפערט, אַלץ מער האָט ער געפילט, אַז אין תוך גענומען איז דאָך יצחק גערעכט. יוסף האָט אָבער נישט אויסגעמיטן צו דערמאָנען מדינת ישראל, דעם גרויסן נס פון שאַפן די יידישע מדינה, מחמת סתם גלייכגילטיקער פרעמדקייט. ער אַליין האָט אויך געפילט די שרעק פון שנאה מצד די גוים, די גלייכגילטיקייט אַפילו פון די דעמאָ־קראַטישע לענדער צו די יידן, די דעמאָקראַטישע לענדער האָבן אין די יאָרן פון חורבן נישט געעפנט ברייט די טויערן פון זייערע לענדער פאַר זיינע געפייניקטע יידישע ברידער, פאַר דער שארית הפליטה, נאָר אַנ־שטאָט דעם האָבן זיי צוגעוואָרפן אַ „מתנה", אַ זעלבסטשטענדיק לאַנד פאַר די יידן אויף אַ ברויזנדיקן וואולקאַן פון די אַראַבישע פעלקער, וואָס זיי, די אַראַבער, זיינען קעגן, אַז די יידן זאָלן דאָרט באַשאַפן זייער מלוכה. יוסף האָט זיך געשראָקן, אַז די דאָזיקע „מתנה" זאָל נישט באַפלעקט ווערן מיטן בלוט פון די לעבן־געבליבענע, וואָס רייסן זיך אַהין, אין דעם ניי־געשאַפענעם יידישן לאַנד. אין האַרצן האָט אָבער יוסף געפילט, אַז אַ ניי בלעטל יידישע געשיכטע האָט זיך אָנגעהויבן אין דעם לעבן פון יידישן פאָלק. מיט יעדן טאָג האָט יוסף אַלץ מער זיך פאַראינטערעסירט מיטן גורל פון דער דאָזיקער ניי־געשאַפענער יידישער מלוכה.

**
*

יוסף האָט איצט געהאַט איין פאַרלאַנג: צו לעבן פאַר זיך און מיט זיך. צו זיין אין הויז אין די אָוונטן נאָך דער אַרבעט אין אָפיס; לייענען אַ בוך, הערן מוזיק, און גייסטיק אויסלעבן זיך אין שטילקייט און אין רו די יאָרן זיינע וואָס זיינען אים נאָך באַשערט צו לעבן; אָבער אַ כוח, אַן אינערלעכער דראַנג האָט אים ווידער געטריבן צו טראַכטן נישט נאָר פון זיך אַליין, נאָר אויך פון דער דרויסנדיקער וועלט. ווידער זיינען געלאָפן די געדאַנקען אין זיין מוח, ווידער זיינען צוריקגעקומען צו אים די שטענדיקע מחשבות וועגן גוטס און שלעכטס, און אַזוי טראַכטנדיק פון די יאָרן נאָכן חורבן, זיינען צוריקגעקומען די זכרונות וועגן זיינע נאָענטסטע אויף יענער זייט ים, די וואָס האָבן נישט באַוויזן זיך צו ראַטעווען פון די

נעגל פון די נאַצי־מחבלים, וועלכע האָבן אומגעבראַכט מיליאָנען אומשול־דיקע מענטשן, און צווישן זיי זיינע נאָענטסטע און טייערסטע, ברידער און שוועסטער, חברים און פריינד, מיט וועלכע ער, יוסף, האָט פאַרבראַכט, געלעבט און געקעמפט צוזאַמען די בעסטע יאָרן פון זיין לעבן אין דער שטאָט וואַרטע.

וואַרטע, — ווידער האָט זיך די שטאָט פון זיין יוגנט באַוויזן פאַר זיינע אויגן און יוסף האָט דערפילט, — אַז מען האָט נאָך נישט אינגאַנצן דערציילט פון דעם רייכן היסטאָרישן אַמאָל, אַז מען האָט נאָך נישט אינגאַנצן פאַרצייכנט דאָס לעבן פון זיינע ברידער יידן אין דער איצט חרובער שטאָט. דעריבער האָט יוסף באַשלאָסען — מען דאַרף אַרויסגעבן אַ צווייטן טייל צו דעם שוין דערשינענעם ערשטן בוך וועגן זיין היים־שטאָט, און דערמיט שטעלן אַ נאָך מער ווירדיקן דענקמאָל נאָך אַ שטאָט מיט יידן, וואָס זיינען אַוועק אין פלאַמען־רויך. דאָס אויפלעבן אין היסטאָ־רישע בילדער, זכרונות, דאָס לעבן פון זיין אַמאָליקער היים, וואָס איז געווען אַ טייל פון זיין אייגן לעבן.

יוסף רעדט צו זיינע נאָענטסטע פריינד אין ניו־יאָרק און אין אַנדערע שטעט פון אַמעריקע. ער אַפּעלירט צו זיי מ׳זאָל אַזאַ בוך ווידער אַרויס־געבן. און זיינע רייד ווירקן אויף די פריינד זיינע. מען שאַפט אַ מינימום מיטלען פאַר דעם, און דאָס בוך — דער צווייטער טייל פון דעם ערשטן בוך דערשיינט און מאַכט אַ שטאַרקן רושם אין דער יידישער ליטעראַריש־געזעלשאַפטלעכער וועלט מיט די היסטאָרישע אָפּהאַנדלונגען, אַרטיקלען און זכרונות, וואָס געפינען זיך אין דעם דאָזיקן בוך.

***

עס קומען טעג, ווען די פּרעסע, די טאָג־צייטונגען ברענגען שלעכטע בשורות פאַר דער מענטשהייט. די צייטונגען האַלטן אין איין שרייבן וועגן דער אַטאָמישער וועלט־מלחמה, וואָס שיינט צו זיין אומפאַרמיידלעך, סיידן אַ נס זאָל געשען! דאָס געשפּענסט פון דער דאָזיקער מלחמה, די שרעק, אַז די וועלט זאָל חלילה חרוב ווערן צוזאַמען מיט אַלע מענטשן אויפן ערד־קוגל — קומט פון מאָסקווער קרעמל. זיי, די הערשער פון סאָוועט־רוסלאַנד, האַלטן אין איין איבעריאָגן אַמעריקע מיט די נייסטע כלי־משחיתים, און זיי, די וואָס האָבן געזאָלט ברענגען גליק פאַר דער מענטש־הייט, זיי האַלטן אין איין סטראַשען די וועלט מיט אונטערגאַנג.

מער פון אַלץ איז יוסף פאַרטאָן אין די געדאַנקען וועגן די ברידער־יידן אין סאָוועטישן „גן־עדן". יוסף קען עס נישט באַנעמען פון וואַנען אַזאַ שנאה, פון וואַנעט אַזאַ רשעות צו יידן און זייער לעבן, זייער קולטור? ווי האָט עס געקענט געשען — האַלט יוסף אין איין פרעגן — אַז די פּרע־

דיקער פון יושר און גערעכטיקייט, דאָס לאַנד וואָס שטעלט זיך כלומרשט אַרויס פאַר דעם פריינד פון אַלע געקריוודעטע, אונטערדריקטע פעלקער, זאָל אָן אַ פאַרוואָס און אָן אַ פאַרוועז דערמאָרדן צענדליקער יידישע שרייבער, לערער, קולטור־טוער, און אָפּמעקן, אַ סוף מאַכן צום יידישן אַלף־בית אינעם לאַנד פון סאָציאַליזם... די איצטיקע רעגירער וואַרפן די שולד אויף סטאַלינען. אָבער זיי, סטאַלינס יורשים, זיי היטן איצט אָפּ די שענדלעכע גזירה זיינע, — אויס מיט דער יידישער קולטור, אויס מיט יידיש, און אויך מיט העברעאיש, אין דער לענג און אין דער ברייט פון סאָוועט־רוסלאַנד!

אויך די האַנדלונג פון מדינת־ישראל לגבי דער רעגירונג פון מערב־דייטשלאַנד הערט יוספן נישט אויף צו מאַטערן. מדינת־ישראל האַנדלט אויך — לויט אים, און צענדליקער, הונדערטער זיינס־גלייכן — נישט ריכטיק. „זכור אשר עשה לך עמלק״ — ווי קען מען פאַרגעסן וואָס די דייטשן האָבן געטאָן צו יידן? צו דער מענטשהייט בכלל? ווי קען מען שלום מאַכן מיט אַ פאָלק, וואָס האָט הינטער זיך אַזוי פיל זינד? ווי קענען יידן — צוואַנציק יאָר נאָך דער שרעקלעכער קאַטאַסטראָפע — האַנדלען מיט דעם מערדער־פאָלק, און אים פאַרקויפן געווער? די טרערן פון די קרבנות זיינען נאָך נישט פאַרטריקנט געוואָרן, די וואונדן נאָך אָפן...

גאָט פון נקמה, דערבאַרעם זיך איבער אונדז!

***

יוסף האָט דערפילט אין יצחקן אַ פריינד, וועמען מען קאָן פאַרטרויען זיינע אינטימע איבערלעבונגען און חרטה־געפילן, די שווערקייט אין געמיט, וואָס פרעסט אויף זיין נשמה און זוכט אַן אויסוועג זיך אַראָפּצורעדן. אפשר וועט אים אַ ביסל גרינגער ווערן...

און צווישן זיי האָט זיך פאַרבונדן פאָלגנדער שמועס:

יוסף: — יאָ, יצחק, איך האָב שוין לאַנג געוואָלט רעדן מיט דיר אַ ביסל וועגן מיין אייגן לעבן. איך וויל דיר דערציילן, ווי אַ גוטן פריינד, פון זיך, פון מיין צונויפקומען זיך אין די ערשטע באַגעגענישן מיט גאָלדען. אַ ביסל ווייסטו דאָך שוין פון מיין בוך. מיין חתונה האָבן מיט איר. דו ביסט דער איינציקער מענטש, יצחק, פאַר וועמען עס ווילט זיך מיר אַראָפּ־רעדן פון האַרצן. דיר איז שוין באַקאַנט מיין פריערדיק לעבן אין פוילן, איידער איך בין אַהער געקומען פון יענער זייט ים. איך געדענק ווען איך האָב דיר מיט אַ צייט צוריק דערציילט, און אויך פון מיין בוך ווייסטו שוין אויך מער־ווייניקער מיינע געפילן פון יענע טעג. וואָס איך האָב געפילט דאַן, האָב איך דיר געזאָגט, מער אַפילו ווי אַ פאָטער. יאָ,

דאָס הייסט, איך וואָלט געקאָנט זיין גאָלדעס פּאָטער, און נישט איר מאַן. דו האָסט מיט באַוואונדערונג געקוקט אויף מיר פאַר מיין מתוודה זיין זיך פאַר דיר, און פאַר די אָפענע רייד מיינע. דו האָסט מיר געוואונטשן גליק פאַר מיין געוואַגטן שריט. איך געדענק די ווערטער: „עס וועט זיין גוט, ס׳וועט זיין גוט״. איך האָב אָבער געזען אַ באַהאַלטענעם סאַרקאַס־טישן שמייכל אויף דיין פּנים. אין האַרצן האָסטו מיר געוואונטשן דאָס בעסטע, אָבער איך האָב געפילט, אַז אין האַרצן, אַז טראַכטן, טראַכטסטו אַנדערש. אויף מיינע ווערטער, אַז ווען עס קומט עמעצער מיך פרעגן: „צי דאַרף אַ מאַן אין די מיטעלע יאָרן חתונה האָבן מיט אַ פרוי, וואָס איז מיט אַ סך יאָרן יינגער פון אים, — וואָלט איך, יוסף, געענטפערט, אַז עס טויג נישט. אַזאַ חתונה קען נישט זיין גוט אי פאַרן מאַן, אי פאַר דער פרוי. איך געדענק גוט פון דיין בליק, דאָס פּנים דיינס האָט אויס־געדריקט באַדויערן, קוקנדיק אויף מיר אָן ווערטער, ווי איינער זאָגט: פאַר יענעם וואָלסטו געהאַט אַ גוטע עצה, וואָס איז אָבער מיט דיר אַליין, יוסף? מיט דיין אייגענעם פאַלשן באַשלוס? עס זיינען אָבער אַדורך אַ פאָר יאָר. דאָס לעבן צווישן מיר און גאָלדען איז געווען אַ פאַרשידנס, אָבער מיר זיינען געבליבן פעסט אין אונדזער נעסט. עס זיינען געווען טעג פון פרילינג און פון האַרבסט, ווי אין יעדן פאַמיליע־לעבן. אָבער איצט פייניקט מיך אַ גרויס שולד־געפיל, איך פיל זיך שולדיק. דאָס דאָזי־קע שולד־געפיל פייניקט מיך זייער שטאַרק; האָב איך טאַקע געהאַט דאָס רעכט צוצונעמען ביי אַ יינגן מענטשן אַ צענדליק יאָרן, און אפשר מער ווי אַ צענדליק יאָרן פון איר לעבן? גאָלדע וואָלט דאָך געקענט געפינען איר באַשערטן, וואָס זאָל זיין אין אירע יאָרן, און אַזוי אַרום זען פאַר זיך אַ צוקונפט אין איר לעבן. מיין גייסטיק לעבן איז נישט געוואָרן איר לעבן. און מאַטעריעל פאַרזאָרגן זי אויף שפּעטער — קען איך ווייניק טראַכטן וועגן דעם. טאָ וואָס וועט זי טאָן מאָרגן, ווען איך וועל שוין דאָ נישט זיין? איך זע פאַר זיך אַ בילד: אַן אלמנה (דעם צווייטן מאָל...) אין די מיטעלע יאָרן. דאָס ערשטע מאָל — אַ קרבן פון דעם גרויסן אַלגעמיינעם אומגליק. פאַרגעס נישט, יצחק, די יאָרן וואָס איך לעב איצט דערנענטערן זיך שוין צו דעם וואָס מען זאָגט: געשענקטע יאָרן. און גאָלדעס צוקונפט — אַלץ טונקעלער און פינצטערער...

יצחק: — יאָ, יוסף, דו ביסט ערלעך, דו פירסט אַן אינטערעסאַנטן חשבון מיט זיך, דאָס איז אַן אמתער חשבון הנפש, וואָס נאָר אַן ערלעכער מענטש איז בכוח צו פירן מיט זיך. איך פאַרשטיי דיך גוט. ווייסטו, אַז ווען גאָלדע ווייסט פון דיינע טראַכטענישן, פון דיינע חרטה־געפילן, וואָלט זי דיך נאָך ליבער געקראָגן. האָסטו מיט גאָלדען אַמאָל גערעדט וועגן דעם?

יוסף: — ניין, יצחק. זי ווייסט נישט וועגן דעם, און איך מייד אויס צו רעדן וועגן דעם. פון צייט צו צייט וואַרף איך אַריין אַ וואָרט, וואָס איז ווי אַ רמז אויף דעם. צו קיין ערנסטן שמועס וועגן די אַלע פראַגן קומט עס אָבער נישט. נאָך מער: ווען גאָלדע איז גוט צו מיר, ווען זי וויזט אַרויס מער צערטלעכע געפילן (און אַזעלכע מאָמענטן זיינען פאַראַן אַ סך...), ווער איך אין כעס אויף זיך אַליין. דאַן טו איך אַלץ, אַז אַט די צערטלעכע מאָמענטן זאָלן וואָס שנעלער אַריבערגיין. גאָלדעס צערט־לעכקייטן צו מיר פאַרשאַפן מיר אי פרייד, אי צער. צו וואָס לאָזן זיך דערמאָנען איר אַזוינס, וואָס קען שטערן איר ווייטערדיק גליק אינעם לעבן?

יצחק: — יאָ, דו ביסט אפשר גערעכט. אַזוי טראַכטן קאָן נאָר אַ מענטש, וואָס האָט „גאָט אין האַרצן". אָבער אַזאַ איז דער גורל פון דעם מענטשן. דער שיקזאַל ליגט נישט אין דעם מענטשנס הענט, דאָס גאַנצע לעבן איז אַ קייט פון מיסטעריעזע און פאַטאַלע געשעענישן.

יוסף: — זאָג מיר, יצחק, פאַרוואָס זאָל דער מענטש מיט זיין שכל נישט אַ קערעווע טאָן זיין אייגענעם גורל? וואָלט נישט בעסער געווען ווען גאָלדע טרעפט איצט אַ מענטשן מיט וועלכן זי וואָלט געקענט פאַרבינדן איר ווייטערדיקע צוקונפט?

יצחק: — עס איז איר איצט גוט. פאַרוואָס דאַרף זי טראַכטן פונעם מאָרגן? איך ווייס נאָך נישט, מיין ליבער יוסף, וואָס דו וואָלסט געזאָגט, ווען גאָלדע פאַרליבט זיך איצט אין אַ יינגנמאַן און באַשליסט דיך צו פאַרלאָזן. ווי וואָלסטו אויף דעם רעאַגירט?

יוסף: — דאָס, זעסטו, איז מיין איצטיקע זאָרג. איך האָב שוין וועגן דעם נישט איין מאָל געטראַכט. אַוודאי וואָלט מיר ווי געטאָן, אָבער צו דער זעלבער צייט וואָלט איך געווען צופרידן. איך וואָלט זיך געפילט נשמהדיק לייכטער אין מיין געמיט. דער געפיל פון אַ פאָטער, וואָס זאָרגט פאַרן גליק פון זיין קינד, וועמען ער וויל באַשיצן, דאָס געפיל וואָלט צוריקגעקומען צו מיר, און איך וואָלט דערשטיקט אין מיר די געפילן פון דעם מאַן...

יצחק: — נו, יאָ, איך פאַרשטיי דיך. אָבער, חלילה וחס, ווען דאָס זאָל פאַסירן, וואָס וואָלסטו געטאָן דאַן מיט זיך? מיט דיין איינזאַמקייט? די איינזאַמקייט, וואָס האָט דיך אַזוי פיל יאָרן געפּייניקט. האָסטו געטראַכט וועגן דעם?

יוסף: — מיין לעבן איצט איז אָבער נישט גאַנץ. איך בין אַ קינד פון פשוטן פאָלק. אַ העלפט פון מיין לעבן האָב איך אַוועקגעגעבן פאַרן כלל, פאַר די ליידנדיקע מאַסן פון מיין פאָלק, פאַר די קרבנות פון פינצ־טערן היטלעריזם. איצט לעב איך אין די טעג, ווען אַ פחד הענגט איבער

דער מענטשהייט, דער פחד איז — אַז די וועלט, דאָס לעבן פון מיליאָנען מענטשן קען אומגעבראַכט ווערן כהרף־עין. פאַרוואָס זאָל איך ווידער נישט ווידמען מיין לעבן מיינע ברידער־יידן אומעטום? פאַרוואָס זאָל איך, וויפיל עס איז אונדז אַלעמען באַשערט צו לעבן, נישט ווידמען די פאַרבליבענע פאָר יאָרן מיינע פאַרן וואוילזיין פון מיין פאָלק? דער גערានגל צווישן מזרח און מערב, צווישן דיקטאַטור און דעמאָקראַטיע, האָט דערהויבן דעם מענטשן, אַז ער קען שוין דערגרייכן די ווייטסטע ספערן, די הימלען, זיי ווערן נעענטער פאַרן מענטשן צו דערגרייכן. גרענעצן ווערן אָפּגעווישט, די ערד איז קלענער געוואָרן. די אידעאַלן פון אונדזערע נביאים, וואָס זיי האָט דאָס צעזייטע יידישע פאָלק געטראָגן איבער דער גאָרער וועלט, אָט די אידעאַלן, צוזאַמען מיט זיין טרעגער — דאָס יידישע פאָלק — האָט מען געוואָלט אָפּווישן פונעם פנים פון דער ערד. אָבער דער גייסטרייכער כוח, די אידייען פון די נביאים האָט אָבער דאָך גובר געווען. די שארית־הפליטה פון דעם נביאים־פאָלק איז איבער־געטראָגן געוואָרן אויף דער היסטאָרישער ערד, און עס איז געשאַפן געוואָרן מדינת ישראל. מיר זיינען געוואָרן אַ פאָלק מיט פעלקער צוגלייך. מדינת ישראל זיצט איצט צוזאַמען מיט אַלע פעלקערביים זעלבן טיש אין דער „יו־ען" און מוז אויך מיטמאַכן די שפּיל. זי מוז אָנגורטן די לענדן, און לערנען די תורה פון פירן מלחמה. אין אַזאַ וועלט לעבן מיר, און מיר, יידן, די קינדער פון די נביאים, וואָס האָבן געפּרעדיקט שלום, מוזן איצט מיטמאַכן די כלומרשטע שפּיל, און מיר מוזן לעבן מיטן כוח פון קענען צוריקשלאָגן דעם שונא...

דערפאַר, טייערער יצחק, גלויב איך אָבער, אַז נישט מיטן כוח פון פיזישער מאַכט קען די מענטשהייט און מיר, יידן, צווישן די פעלקער פון דער וועלט, אויסגעלייזט ווערן. דערווייל לעבן נאָך געגנוג יידן — די גרעס־טע צאָל פון אונדזער פאָלק — אויסער די גרענעצן פון דער יידישער מדינה. עס האַלט נאָך ווייט, אַז די מערהייט יידן זאָלן זיך געפינען אין מדינת ישראל! דעריבער דאַרפן מיר — די יידן איבער דער גאָרער וועלט — זיין די שומרים פון דעם אידעאַל, וואָס די נביאים האָבן גע־פּרעדיקט, דעם אידעאַל פון אייביקן שלום! דאָס וועט זיין און אייביק בלייבן אונדזער שטאַרקסטער כוח; פאַרלירן מיר אָט דעם דאָזיקן אידעאַל — די גייסטיקע ירושה פון די נביאים, דאָס ווירקזאַמע כלי־זין — זיינען מיר אויף אייביק פאַרלוירן. און דערפאַר טראַכט איך טאַקע, אַז מיין אָרט איז דאָרט, אין מדינת ישראל, וואו איך וועל מיינע לעצטע יאָרן אויסלעבן צווישן די רייען פון דעם גייסטיקן מיעוט, דערווייל אַ קליינע גרופּע, וואָס געפינט זיך אין דער יידישער מדינה, וועמעס אידעאַל איז אַ „נר", אַ ליכט וואָס זאָל נישט פאַרלאָשן ווערן; דאָס ליכט וואָס ברענט

אין די הערצער פון די וואָס ווילן נאָר שלום מיט אַלע פעלקער, שלום מיט די שכנים פון דער ייִדישער מדינה, און שלום מיט אַלע פעלקער. און נאָר אָט די אידעאַלן קענען נאָך ראַטעווען די וועלט פון אונטערגאַנג.

יצחק: — איך זע, אַז דו ביסט געקומען געזעגענען זיך מיט מיר. דו פאָרסט נאָך נישט היינט, אָדער מאָרגן, אָבער איך פיל, אַז דיין באַשלוס — ווי אַלע דיינע באַשלוסן וואָס דו נעמסט זיך פאָר — וועסטו אויספירן. איך ווינטש דיר דעריבער: זיי מצליח, און זאָל די קליינע עדה, וואָס טראָגט אין האַרצן דעם אידעאַל פון די נביאים, וואַקסן און וואַקסן און ווערן פון אַ מיעוט — אַ רבים, אומעטום, אין ישראל און אין אַלע טיילן פון דער וועלט.

ניו־יאָרק 1960